**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/18/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול רופט אויס הונדערנער אומלעגאלע געשעפטן ווערן געשלאסן דורך די ניו יארק סטיעט טעסק מאכט, פירנדיג צו א העכערונג פון סעילס פאר לעגאלע ריטעילערס

***סטעיט עידשענסיס האבן פארמאכט 114 געשעפטן זייט די אנהייב פון די קאנאביס אינפארסירונג טעסק מאכט, לאקאלן, אריינגערעכנט ניו יארק סיטי, געבן איבער נאך 400 פארשפארונגען צוליב די נייע לעגיסלאציע אונטערגעשריבן דורך גאווערנער האקול***

***לעגאלע ריטעילערס אין אינפארסירונג געגנטער געבן איבער א 27 פראצענט העכערונג אין סעילס פון די ערשטע וואך פון מאי ביז די ערשטע וואך פון יוני, נאנט צו זיבן מאל העכער ווי די פריערדיגע מאנאט-צו-מאנאט דאטא***

***סטעיט אינפארסירונג עידשענסיס געבן איבער אז זיי האבן קאנפיסקירט איבער $29 מיליאן ווערד פון אומלעגאלע פראדוקטן***

גאווערנער האקול האט היינט געמאלדן אז אין בלויז 3 וואכן, זענען איבער 100 אומלעגאלע געשעפטן דורכאויס די סטעיט אפגעשלאסן געווארן דורך די ניו יארק סטעיט קאנאביס אינפארסירונג טעסק מאכט. די סטעיט'ס אנטשלאסנקייט צו אפשליסן די קאנאביס געשעפטן אן קיין לייסענס, האט דירעקט צוגעגעבן א 27 פראצענט העכערונג אין לעגאלע קאנאביס סעילס אין געגנטער וואס זענען געטראפן געווארן דורך די טעסק מאכט'ס אינפארסירונג אקטיוויטעטן.

"מיר זענען אנטשלאסן צו בויען די שטערקסטע, מערסטע ישרות'דיגע קאנאביס מארקעט אינעם פאלק," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "כדי צו קומען נענטער צו די ציל, זאגן מיר צו צו פארשנעלערן דאס אפשפארן פון קאנאביס געשעפטן אן קיין לייסענס, און איך בין דא היינט צו זאגן: מיר דערגרייכן דאס."

**אפסי פון קאנאביס מענעדזשמענט אקטיווע עקזעקיוטיווע דירעקטאר פעלישע א.ב. ראיד האט געזאגט,** "די ריזיקעס און געפארן וואס קאנאביס האן קיין לייסענס געבט פאר אונזערע קאמיוניטיס און קאנאביס מיט לייסענס, איז נישט קיין קלייניגקייט. זיי דרויען אונטערצוברענגען די געוואלדיגע ארבעט וואס ניו יארק האט אריינגעלייגט צו לייגן אין צענטער ישרות, שאפן פאסטנס, און פארזיכערן אז די אמת'דיגקייט פון פראדוקטן בעת די קאנאביס מארקעט ברייטערט זיך אויס. עס איז אדאנק די געטריישאפט פון די טעסק אינפארסירונג מיטגלידער אז ניו יארק מאכט שטארקע פארשריט אין פארשפארן די אומלעגאלע געשעפטן. די גאווערנער'ס כוחות און דגש אויף צו פארענדיגן די ארבעט איז געווען קריטיש צו איר הצלחה, און איך אפלאדיר אלע שוואר-ארבעטנדע מענטשן אויף די אינפארסירונג טיעם פאר זייער געוואלדיגע געטריישאפט צו די באמיאונג."

**ניו יארק סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט סטיוון ג. דשעימס האט געזאגט,** "די ניו יארק סטעיט קאנאביס אינפארסירונג טעסק מאכט איז א שטארקע באמיאונג לענגאויס די סטעיט און מיר ארבעטן

ווייטער צוזאמען מיט די אפיס פון קאנאביס מענעדשמענט און אונזער אנדערע סטעיט עידשענסי מיטארבעטער מיט די ציל אפצושליסן סעילס פון קאנאביס אין אומלעגאלע געשעפטן און שטערן זייער סופליי. איך וויל דאנקען גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט און פאר'ן געבן די הילפסמיטלען צו מאכן די באמיאונג מיט הצלחה."

**ניו יארק סיטי מאיער עריק אדאמס האט געזאגט,** "פאר צו לאנג, האבן אומלעגאלע קאנאביס געשעפטן צוגעגעבן צו א געפיל אז סיי וואס גייט פאר אויף אונזערע גאסן, אבער מער נישט. נאכ'ן ארבעטן מיט גאווערנער האקול און אונזערע מיטארבעטער אין אלבאני צו געבן לאקאלע קאמיוניטיס די כח וואס מיר האבן געדארפט אונטערצוברענגען די אומלעגאלע אקטיוויטעטן, האבן מיר אנגעהייבן 'אפערעישן פעדלאק צו באשיצן', פון וועלכע מען זעט שוין שטוינענדע רעזולטאטן. אין געציילטע וואכן, האבן מיר שוין אפגעשלאסן נאנט צו 400 רייכערן געשעפטן, קאנפיסקירט $13.3 מיליאן ווערד פון אומלעגאלע פראדוקטן, און געגעבן מער ווי $30 מיליאן אין געלט-שטראפן און קנסות. אונזער ארבעט וועט אפהיטן אונזערע קינדער, האלטן אונזערע גאסן פארזיכערט, און געבן אסאך פאר די בליענדע לעגאלע מארקעט וואס קומט זיך פאר ניו יארק."

אין אפריל, האט גאווערנער האקול אויפגעוויקלט נייע אינציאטיוון אפצושליסן אומלעגאלע קאנאביס באמיאונגען און אפהיטן די לעגאלע מארקעטפלאץ אלס חלק פון די פיסקל יאר 2025 אקטיווע בודשעט. די פלאן גיבט פאר די אפיס פון קאנאביס מענעדשמענט (Office of Cannabis Management, OCM) און לאקאלע קאמיוניטיס נייע אויטאריטעט צו נעמען שריט קעגן אומלעגאלע געשעפטן און קעגן די וואס ערמעגליכן זיי. די אינציאטיוון זענען די שטערקסטע רייע פאליסיס וואס זענען דורכגעפירט געווארן ביז יעצט זיך צו ספראווען מיט די אומלעגאלע קאנאביס מארקעט.

אין מאי 21, האט גאווערנער האקול אנגעהויבן די קאנאביס אינפארסירונג טעסק מאכט. די איינהייט, אנגעפירט דורך די סטעיט פאליציי פירסט דעפּיוטי סופּעראינטענדענט, איז א גרויסארטיגע סטעיט-ברייטע אונטערנעמונג צו קאארדינירן איינגעשטעלטע פון עטליכע אגענטורן צו באקעמפן די אומלעגאלע קאנאביס מארקעט. דורך קאאפעראציע צווישן די סטעיט פאליציי, OCM, און אנדערע סטעיט עידשענסיס, האט די סעסק מאכט אלע געצייג וואס פאדערט זיך פולקאם צו באקעמפן אומלעגאלע קאנאביס אקטיוויטעטן. די טעסק מאכט האט געארבעט מיט לענדלארדס אויסצוראטן אומלעגאלע אפטייקערן, און ארבעט צו באשטראפן לענדלארדס וואס פארפעלן צו נעמען שריט אויסצוראטן טענענטס נאך זיי זענען געווארן באוואוסטזיניג פון זייערע אומלעגאלע אקטיוויטעטן.

די סטעיט'ס אנטשלאסנקייט צו אפשליסן די קאנאביס געשעפטן אן קיין לייסענס, האט געהאט א דירעקטע השפעה אויף די לעגאלע קאנאביס אינדוסטריע. זינט מאי 21, ווען די טעסק מאכט האט זיך אנגעהויבן, זענען 114 אומלעגאלע קאנאביס געשעפטן געווארן אפגעשפארט. אין צוגאב, גיבט OCM איבער אז $29,306,247 אין ווערד פון אומלעגאלע ארטיקלען זענען קאנפיסקירט געווארן פון די געשעפטן און לעגאלע קאנאביס סעילס זענען ארויפגעגאנגען מיט 27 פראצענט זייט מאי פאר געשעפטן וואס זענען נאנט די צו די אפגעשפארטע געשעפטן לאקאציעס.

**סטעיט סענעטאר נאטאליע פערנענדעז האט געזאגט,** "אלס א שטארקע אדוואקאט פאר לעגאלע און רעגולירטע קאנאביס סעילס, הייב איך ארויס גאווערנער האקול און די ניו יארק סטעיט קאנאביס אינפארסירונג טעסק מאכט פאר זייערע אומאויפהערליכע באמיאונגען אין אפשליסן אומלעגאלע געשעפטן. בשעת מיר ריקן פאראויס די אינציאטיוו, בין איך אנטשלאסן צו זען די אינפארסירונג באמיאונגען זיך אויסברייטערן אין גרויסע סיטיס אזוויו ניו ראטשעל, און דורכאויס דעם גאנצן שטאט. די געשעפטן פארקויפן אומרעגולירטע, אומבאקוקטע פראדוקטן וואס לייגט די קאמיוניטי אין א שטארקע געפאר. די שריט האלט נישט נאר אונזערע קאמיוניטיס פארזיכערט, נאר עס גיבט אויך שטארק צו צו די

לעגאלע מארקעט. מיר זענען אנטשלאסן צו פארזיכערן א ישרות'דיגע און פארזיכערטע קאנאביס אינדוסטריע אין ניו יארק, און די אינפארסירונג שריט זענען א קריטישע טריט צו דעם דירעקציע."

**סטעיט סעניטער דשאמאאל בעילי האט געזאגט,** "די די יאר'ס בודשעט, האבן מיר גענומען גרויסע טריט אוועקצושטעלן א ישרות'דיגע און גלייכע קאנאביס מארקעט אין ניו יארק סטעיט. ביזנעסער וואס האנדלען מיט אומלעגאלע קאנאביס סעילס ברענגען נישט נאר אונטער די לעגאלע מארקעט, נאר זיי לייגן אויך די געזונטהייט און זיכערהייט פון אונזערע קאמיוניטיס אין א געפאר. מיר האבן גענומען וויכטיגע טריט אין באשולדיגן די אומלעגאלע ביזנעסער און צו באשיצן די געזונטהייט פון אונזערע קאמיוניטיס. דורכ'ן ערלויבן אוועקצונעמען לייסענסעס פון ביזנעסער וואס האנדלען מיט אומלעגאלע קאנאביס סעילס, און דורכ'ן פארגרעסערן די מעגליכקייטן פאר לאקאלן אפצושליסן אינסטיטוציעס וואס שפילן זיך ארום מיט די געזעץ, וועט דאס פארשטערקערן די אינפארסירונג פון ניו יארק'ס קאנאביס געזעצן און פארזיכערן א שטאפל שפילנדע פעלד פאר אלע ביזנעסער," האט סענענער דשאמאאל ט. באילי געזאגט, "איך דאנק גאוו. קעטי האקול פאר איר פירערשאפט אויף די וויכטיגע טעמע, און אונזערע לעגיסלאטיווע פירערס פירער אנדריע סטוווערט-קוזינס און ספיקער קארל היסטי, ווי אויך מיינע קאלעגעס אין די לעגיסלאטור פאר זייער שטיצע."

**סטעיט סעניטאר דשעסיקע סקארסעלע-ספאנטאן האט געזאגט,** "די אויסברייטערונג פון אומלעגאלע געשעפטן אין אונזער קאמיוניטי האט מען בכלל נישט געקענט אקצעפטירן, אנלייגנדיג א פאבליק געזונטהייט און זיכערהייט פראבלעם. דאס יאר האבן מיר געגעבן גרעסערע אויטאריטעט צו לאקאלן און די אפיס פון קאנאביס מענעדשמענט אפצושפארן אומלעגאלע געשעפטן, מיט א רייע פון געלט-שטראפן פאר ערשטמאליגע פארלעצונגען. די טויש האט שוין לאנג געדארפט פאסירן און איך בין צופרידן אז אלס א רעזולטאט האט לאקאלע געזעץ אינפארסירונג געהאט די מעגליכקייט זיי צו פארשפארן אויף א שנעלן אופן."

**סטעיט סעניטער ברעד האילמאן-סיגעל האט געזאגט,** "דעם היינט שטרייכט אונטער א קריטישע נצחון פאר ניו יארק סטעיט בשעת מיר נעמען באדייטנדע שריט קעגן אומלעגאלע קאנאביס אקטיוויטעטן. אפשפארן די אומלעגאלע געשעפן איז נויטיג כדי אפצוהיטן פאבליק געזונטהייט, שטיצן לעגאלע ביזנעסער, און אנהאלטן די טריישאפט פון אונזערע בירגער אין די לעגאלע סטרוקטור וואס מיר האבן אוועקגעשטעלט. איך בין שטאלץ צו האבן געארבעט מיט גאווערנער קעטי האקול, סענעט מערהייט פירער סטוווערט-קוזינס און סענעט קאלעגעס אפצושטעלן די אומלעגאלע אגענטן."

**אסעמבלימעמבער דשאן זאקארא דשר. האט געזאגט,** "די אויסגערעכנטע אפשפארונג פון הונדערטער אומלעגאלע קאנאביס געשעפטן איז אן עדות צו שאפן א גלייכע, רעגולירטע און זיכערע מארקעט אין ניו יארק. די באדייטנדע פארשריט וואלט נישט געקענט געשען אן די פירערשאפט פון גאווערנער האקול, די ניו יארק סטעיט פאליציי, און די אפיס פון קאנאביס מענעדשמענט. די גאנצקייט-פון-גאווערמענט מעטאד פארמערט לעגאלע סעילס, באשיצט אונזערע קאמיוניטיס און הייבט אויף די וואס זענען די מערסטע גאטראפן געווארן דורך די קריג איבער דראגס. בשעת מיר פייערן די היינטיגע הצלחות האלטן מיר נאך א שטארקע אויג אויף אומלעגאלע קאנאביס אקטיוויטעטן און דאס וועט פארזיכערן די ערפאלג און אמת'דיגקייט פון אונזער שטאט'ס לעגאלע קאנאביס מארקעט."

**אסעמבלימעמבער קאטאלינע קרוז האט געזאגט,** "סטעיט און סיטי עידשענסיס וואס ארבעטן צוזאמען שנעל אפצושליסן געשעפטן וואס פארקויפן קאנאביס אומלעגאל איז וואס גאווערמעט זאל אויסזען. די היינטיגע מעלדונג ווייזט אויף די גאווערנער'ס אנטשלאסנקייט אויסצוראטן אן אומלעגאלע מארקעט און העלפן אונז האלטן אונזער קאמיוניטי פארזיכערט. די ציל פון די MRTA איז געווען צו פארזיכערן א זיכערע און בליענדע קאנאביס מארקעט פאר ניו יארקער, כדי צו מאכן גערעכט די היסטארישע אומרעככטן קעגן שווארצע און ברוינע קאמיוניטיס. און בשעת ניו יארק פירט יעצט נאצעניאל די וועג אין

לעגאלע אפטייקער וואס די אייגנטומער זענען מענטשן פון קאליר, איז נאך געבליבן אסאך ארבעט פאר מיר קענען באמת דערגרייכן די ציל פון סאציאלע גלייכבארעכטיגונג. איך וועל ווייטער ארבעטן מיט די גאווערנער און אונזערע מיטארבעטער אין סטעיט און סיטי גאווערמענט צו גאראנטירן די געזונטהייט און זיכערהייט פון מיינע שכנים און פולקאם אוועקצושטעלן א בליענדע אינדוסטריע וואס הייבט באמת אויף שווארצע און ברוינע ניו יארקער."

**אסעמבלימעמבער קענני בורגאס האט געזאגט,** "בראווא צו גאווערנער האקול און די טעסק מאכט פאר'ן אראפשטעלן א פיס אויף די אומלעגאלע קאנאביס אקטיוויטעטן. די באדייטנדע שריט מוטיגט די וואוקס פון אונזערע לעגאלע מארקעט און שטארקט די לעגאלע געשעפט-אייגנטומער מיט לייסענס, אויספארעמענדיג די וואקסנדע אינדוסטריע. מיר שאפן א גלייכע, לעבעדיגע קאנאביס לאנדשאפט אין ניו יארק-עדות אויף וואס שטארקע, גלייכע רעגולאציעס קענען ברענגען."

**אסעמבלימעמבער לאנדאן דעיס האט געזאגט,** "די אפשפארונג פון אומלעגאלע קאנאביס געשעפטן איז א וויכטיגע שטאפל צו באשיצן אונזערע קאמיוניטיס פון אומזירע און אומגעטעסטע קאנאביס פראדוקטן. די אפשפארונגען גיבט אויך באשיצונג פאר אונזערע לעגאלע געשעפטן, ספעציעל אונזערע סאציאלע גלייכבארעכטיגונג פראפעסאניאלן וואס האבן לייסענס. מיר מוזן אנהאלטן די אויסברייטערונג פון אונזערע סאציאלע גלייכע לייסענסעס, און פארזיכערן אז זיי שטעלן איין מענטשן פון די קאמיוניטיס וואס זענען געטראפן געווארן אין די קריג איבער דראגס."

**אסעמבלימעמבער יודעלקע טאפיע האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס מעלדונג פון די נייע פירערשאפט פאר די אפיס פון קאנאביס מענעדשמענט איז א באדייטנדע שריט אין אדרעסירן די אויסברייטעונג פון אומלעגאלע קאנאביס געשעפטן און העלפט אויף צו בויען א גלייכע קאנאביס אינדוסטריע. די בראנקס איז איינע פון די קאונטיס וואס זענען די שווערסטע באטראפן געווארן מיט די קריג איבער דראגס און עס איז וויכטיג אז מיר ברייטערן אויס וועגן פאר אונזערע קאמיוניטיס אריינצוקומען אין די קאנאביס אינדוסטריע. דורכ'ן טון אזוי, צילן מיר צו שאפן עקענאמישע וואוקס און פארזיכערן גלייכע צוטריט צו געלעגנהייטן אינערהאלב די קאנאביס אינדוסטריע פאר אלע אונזערע קאמיוניטיס."

**אסעמבלימעמבער מענני דע לאס סאנטאס האט געזאגט,** "די שריט וואס מען האט אקטיוויזירט אין די פיסקל יאר 2025 בודשעט צו פארזיכערן א שטארקע לעגאלע קאנאביס מארקעט זענען די רעזולטאטן פון גוטע מיטארבעטונג צווישן מיינע קאלעגעס און די לעגעסלאטור, די אפיס פון די גאווערנער, די ניו יארק סיטי מאיער'ס אפיס, און צענדליגע אדוואקאטן. געשעפטן אן קיין לייסענס נעמען אוועק פון אונזער ציל צו האבן א סאציאל גלייכע מארקעט וואו אחריות'דיגע ביזנעס אייגנטומער קענען בליען. מיר זעען שוין די בענעפיטן וואס קומען פון געבן פאר די אפיס פון קאנאביס מענעדשמענט און סטעיט און לאקאלע געזעץ אינפארסירוג די מעגליכקייט אפצושפארן די געשעפטן אן קיין לייסענס, מיט סעילס פון לעגאלע קאנאביס סעילס געהעכערט מיט 27 פראצענט אין בלויז אפאר קורצע וואכן. די שריט וועט ערלויבן קליינע ביזנעסער און פילע קלענערע און פרויען-אייגנטומער ביזנעסער צו האבן די געלעגנהייט צו פארקויפן קאנאביס אויף א פאראנטווארטליכע און לעגאלע אופן און שאפן פאסטנס אין אונזערע קאמיוניטיס."

OCM איז געטריי צו די גאווערנער'ס וויזיע פון א גלייכבארעכטיגטע קאנאביס מארקעט און גיבט איבער אז די סאציאל און עקענאמישע גלייכבארעכטיגונג (Social and Economic Equity, SEE) פראגראם האלט ווייטער אן צו מחזק זיין פולקאמקייט און געלעגנהייט אינערהאלב די אינדוסטריע. יעצט, זענען 54 פראצענט פון נייע אפליקאנטן SEE קאנדידאטן. די דורכברוך רעכנט אריין 39 פראצענט מינאריטעט-געאייגנטע ביזנעסער, 39 פראצענט פרויען-געאייגנטע ביזנעסער, 9 פראצענט סערוויס-באגרעניצטע וועטערין-געאייגנטע ביזנעסער, 8 פראצענט אנגעצויגענע פארמערס, און 6 פראצענט קאמיוניטיס וואס

זענען אומבאלאנסירט געטראפן געווארן, אונטערשטרייכנדיג די פארשידנארטיגקייט און פולקאמקייט פון ניו יארק'ס אנטיילנעמענדע קאנאביס לאנדשאפט. די מעכטיגע פארשריט שטרייכט אונזער די סטעיט'ס אומאויפהערליכע איבערגעגעבנקייט צו שאפן א גלייכע, יושר'דיגע, און בליענדע קאנאביס אינדוסטריע אין ניו יארק סטעיט.

צום היינטיגן דאטום האט OCM געעפנט 135 לעגאלע אפטייקער דורכאויס די סטעיט. קליקט דא צו זען די ליסטע פון אפטייקער מיט לייסענס וואס פארקויפן קאנאביס פראדוקטן איינגעפלאנצט דורך NY פארמערס און געטעסטע, איינגעפאקטע, און מיט א לעיבל לויט די ניו יארק סטעיט'ס רעגולירטע סיסטעם.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן